# ויקרא ב

א. פון דעם פסוק[1] „ונפש כי תקריב קרבן מנחה גו'" (און עס שטייט ניט „כי תקריב מנחה"[2]) לערנט מען אָפּ אין תורת כהנים[3], אַז מען קען מנדב זיין (אַלס קרבן בפ"ע) אויך לבונה יין (שמן), וועלכע קומען צוזאַמען מיטן קרבן, און אויך עצים.

דאַרף מען פאַרשטיין: בשלמא דאָס וואָס דער וואָרט „קרבן" קען מרבה זיין לבונה און יין (ושמן) אַלס קרבן בפ"ע איז מובן — וויבאַלד מען ברענגט זיי בלאה"כ אַלס אַ טייל פון קרבן, פון זיי אויך באַשטייט דער קרבן, האָבן זיי אויף זיך קדושת און דעם שם קרבן;

ווי אַזוי קען מען אָבער פון וואָרט „קרבן" מרבה זיין (נדבת) „עצים" וועלכע זיינען ניט אַ חלק פון קרבנות[4]?

אין גמרא[5] ווערט געבראַכט: „קרבן מלמד שמתנדבין עצים . . וכן הוא אומר[6] והגורלות הפלנו על קרבן העצים". איז רש"י מפרש: „וכן הוא אומר — דעצים קרבן מקרו[7]". דאָס הייסט: וויבאַלד מען געפינט אין פסוק „דעצים קרבן מקרו" קען דער וואָרט „קרבן" מרבה זיין עצים.

אָבער דאָס איז נאָר אַ ראי' — מען געפינט אַ פסוק וואו „עצים קרבן מקרו". אָבער עדיין טעמא בעי: פאַרוואָס זאָלן „עצים" הייסן „קרבן" (ובמילא — קענען זיי נכלל ווערן אין דעם לשון „תקריב קרבן")? זיי זיינען דאָך נאָר אַ מין „הכשר מצוה" (— קרבן), דער קרבן זאָל קענען פאַרברענט ווערן — דאַרפן האָבן עצים און אש.

ווען מ'וואָלט ערגעץ אַנדערש געפונען אַז „עצים" ווערן געבראַכט אַלס אַ טייל פון אַ קרבן, דאַן ערשט וואָלט עס געווען אַ טעם ראי' לנדו"ד, אַז דער וואָרט „קרבן" איז מרבה אויך „עצים".

ועוד להוסיף אין דעם — עכ"פ „בדקות": דער פסוק „והגורלות הפלנו על קרבן העצים" רעדט וועגן „קרבן העצים" מיט אַ ה"א הידיעה — אַזוי ווי עס איז ידוע פון פריער אַז עס איז דאָ אַ קרבן עצים[8] דערציילט דער פסוק אַז ער איז געבראַכט געוואָרן ע"י גורלות — בסגנון אחר: דאָס וואָס מ'האָט דעמאָלט געבראַכט אַ „קרבן העצים" איז אַ מסובב פון דעם לימוד בתו"כ (וגמ')

1) פרשתנו ב, א. — בכו"כ ענינים שנתבארו לקמן בפנים (בענין קרבן העצים) ראה גם לקו"ש חי"ז ע' 22 ואילך. וש"נ.

2) ראה פי' הראב"ד, ר"ש משאנץ וק"א בתו"כ עה"פ. וראה מלבי"ם כאן.

3) עה"פ.

4) בראב"ד (וק"א) לתו"כ פרשתנו, דלדעת רבי יין ולבונה כו' „לא איקרו קרבן אלא שמצינו אותם קרבין עם הקרבנות" (ולכן כשבאים בפ"ע אין טעונים מלח כו'), משא"כ עצים, „אינהו גופייהו איקרו קרבן" (ע"ש). אבל מובן שזהו רק מחמת הלימוד שזהו בכלל „קרבן", משא"כ קודם (בלי) הלימוד מובן שיין ולבונה שייכים יותר לקרבן מעצים. וראה גם הלשון במדרש הגדול פרשתנו עה"פ: לבונה בפ"ע . . יין . . שמן . . ואפילו עצים.

5) מנחות כ, ב: קו, ב — הובא במפרשים הנ"ל.

6) נחמי' י, לה.

7) בפרש"י שם קו, ב: איקרו קרבן.

8) ראה קושיית המגי' במל"מ הל' שקלים פ"ד ה"ו (ד"ה שוב): אך קשה דהתם מייתי מקרא כו'. וראה שער המלך שם. שירי קרבן לירושלמי שקלים רפ"ד. ועוד.

אַז „מתנדבין עצים״ — קומט אויס אַז מען ברענגט אַ ראי׳ פון דעם מסובב אויף דער סיבה?

ב. לכאורה וואָלט מען דאָס געקענט פאַרענטפערן, ובהקדם, אַז אין נדבת העצים קענען זיין צוויי סוגים:

א) נדבת עצים למערכה — עצים וואָס מ׳האָט גענוצט אויף מאַכן אַן אש ומערכה ע״ג המזבח אויף וועלכע מ׳איז מקריב די קרבנות.

ב) מ׳איז די עצים גופא מקריב אויפן מזבח, אַלס אַ קרבן (בפ״ע).

און לויט דער דיעה, אַז דער דין הנ״ל פון „מתנדבין עצים״ מיינט (ניט נדבת עצים צו דער לשכה פאַר עצי המערכה, נאָר) אַז מען קען ברענגען עצים אַלס אַ קרבן בפ״ע

— ווי די שיטה פון רבי[9], אַז די עצים האָבן אַלע דינים פון אַ קרבן: „טעונין מלח . . הגשה . . קמיצה . . עצים צריכים עצים״; ולדעת הראב״ד[10] האַלטן אויך די רבנן אַז מען איז מקריב די עצים אויפן מזבח אַלס אַ קרבן בפ״ע, דער חילוק איז נאָר וואָס לויט די רבנן זיינען ביי די עצים ניטאָ די דינים הנ״ל, ווייל ס׳איז ניט קיין קרבן גמור (ווי לדעת רבי) —

וואָלט מען לכאורה געקענט פאַרענטפערן: דער פסוק „והגורלות הפלנו על קרבן העצים״ רעדט דאָך וועגן נדבת העצים למערכה[11] [וואָרום די סיבה פון די „גורלות״ איז געווען, ווי די גמרא[12] דערציילט, אַז „לא מצאו עצים בלשכה״ און די משפחות האָבן מנדב געווען עצים למערכה (כדלקמן סעיף ד)] — און היות אַז די נדבת העצים למערכה רופט אָן דער פסוק מיטן נאָמען קרבן, איז דערפון מוכח אַז אויך עצי המערכה זיינען אַ חלק פון „קרבן״, קען דערפאַר דער וואָרט „קרבן״ מרבה זיין עצים, אַז מען קען זיי (אויך) בפ״ע ברענגען אַלס אַ קרבן אויפן מזבח.

אָבער [נוסף לזה, אַז אויב מען נעמט אָן אַז מ׳קען מקריב זיין עצים על המזבח אַלס אַ קרבן בפ״ע — איז מסתבר צו זאָגן, אַז דער לשון „(והגורלות גו׳) קרבן העצים״ מיינט (ניט (נאָר) די נדבת העצים למערכה, נאָר אַז די משפחות האָבן פון די עצים שהתנדבו געבראַכט (אויך)) אַ קרבן עצים על המזבח, וכמפורש בריטב״א[13] — איז]

לויט דער דיעה אַז דער דין פון „מתנדבין עצים״ (לדעת רבנן) איז בא ללמד אַז „אותן גזירין קריבין להכשר הקרבנות על המערכה״[14], קומט דאָך אויס, אַז דער דין פון „מתנדבין עצים״ איז דער זעלבער ענין ווי „והגורלות הפלנו על קרבן העצים״ — איז הדרא קושיא לדוכתא.

ג. מוז מען זאָגן, אַז דער עיקר טעם פאַרוואָס דער וואָרט „קרבן״ איז מרבה

9) מנחות כ, ב. שם קו, ב. וראה תוספתא שקלים פ״ג, ג.

10) בפירושו לתו״כ פרשתנו כאן. וראה גם ק״א כאן. וכן משמע דעת הריטב״א תענית כו, א (בשם י״א) — כי דוחק לומר שמפרש שם רק אליבא דרבי (משא״כ בפרש״י תענית יב, א ד״ה שיו״ט, שמפורש „טעונין קמיצה כו״. וראה לקו״ש חי״ז שם הערה 34, 57).

11) ראה פרש״י וכו׳ נחמי׳ שם.

12) תענית כח, א. וכ״ה בירושלמי שבהערה 14.

13) שבהערה 10.

14) רבינו גרשום מנחות שם (קז, א). וכן מוכח לכאורה בתוספתא שקלים שם „אלו ואלו נופלים לדיר לשכת העצים״. וראה גם ירושלמי שקלים שם (תענית פ״ד ה״ד. מגילה פ״א ה״ד) „מכשירי קרבן״, ובמפרשים שם.

עצים איז אַן ענין של סברא: היות די עצי המערכה ווערן פאַרברענט אויפן מזבח צוזאַמען מיטן קרבן, זיינען זיי אַ טייל פון דעם קרבן[15]; נאָר לתוספת ראי׳ ברענגט די גמרא אַ פסוק ובהקדמה — „וכן הוא אומר" — וואו עס שטייט בפירוש דער לשון „קרבן" בנוגע לעצים.

מ׳דאַרף אָבער פאַרשטיין: ווי אַזוי איז די סברא מחייב אַז די עצי המערכה זיינען אַן ענין פון הקרבת קרבן, ווי־באַלד אַז לכאורה זיינען זיי, כנ״ל, בלויז מכשירי קרבן[16] — כדי מ׳זאָל קענען מקריב זיין אַ קרבן מוז מען האָבן דעם אש המזבח, וואָס קומט ע״י העצים.

ד. בנוגע דעם ענין פון נדבת העצים געפינט מען אַ דבר פלא:

אין דער משנה[17] ווערן גערעכנט תשעה זמנים פון „עצי הכהנים והעם", ווי די גמרא[12] איז דאָס מסביר: „כשעלו בני הגולה לא מצאו עצים בלשכה", האָבן געוויסע משפחות מנדב געווען עצים פאַר דער מערכה — און דער־פאַר האָט מען מתקן געווען, אַז בכל שנה ושנה זאָלן די משפחות ברענגען עצים אין דעם זעלבן טאָג ווען זיי האָבן געבראַכט עצים בפעם הראשונה, און אין דעם טאָג נוצט מען זייערע עצים „אפילו לשכה מלאה עצים".

און די זמני העצים זיינען אַ יו״ט פאַר די משפחות „ואסורין בו בהספד ובתענית ובעשיית מלאכה"[18], ביז, ווי די גמרא[19] דערציילט, אַז עס איז דוחה אפילו דעם תענית פון תשעה באב (נדחה).

ולכאורה: פאַרוואָס איז אַזאַ שמחה גדולה פון נדבת העצים, ביז אַז דאָס איז דוחה דעם תענית פון תשעה באב (נדחה)[20]?

פאַראַן אחרונים[21] וואָס זיינען מבאר, אַז דער טעם פון דער שמחה איז ניט צוליב דער נדבת העצים למערכה כש־לעצמה, נאָר ווייל אין יענעם טאָג פלעגט מען אויך ברענגען „עולות נדבה"[22], און לויט דעם דין[23], אַז דער טאָג וואָס מען ברענגט אַ קרבן איז אַ יו״ט.

עס איז אָבער ניט גלאַטיק: אע״פ אַז דער יו״ט בפועל איז בסופו של דבר צוליב די עולות נדבה — אָבער די סיבה אויף דעם גופא וואָס מ׳האָט קובע געווען צו ברענגען די עולות נדבה אין דעם טאָג, איז דאָך געווען ווייל ס׳איז דער יום נדבת העצים.

נאָך מער: דאָס וואָס עס ווערט נדחה דער תענית פון תשעה באב (נדחה) איז ניט מצד דער הקרבת עולות נדבה מצד

15) להעיר מרמב״ם הל׳ ביאת מקדש פ״ט ה״ה. וראה הל׳ מעה״ק פי״ד סה״א. וראה לקו״ש חי״ז שם הערה 51. ואכ״מ.

16) לשון הירושלמי במקומות שבהערה 14. וראה לקו״ש שם הערה 48.

17) תענית כו, א.

18) רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ו ה״ט. וכ״ה בתוספתא תענית פ״ג, ו (בהספד ובתענית). וראה ירושלמי פסחים פ״ד ה״א. חגיגה פ״ב ה״ד.

19) תענית יב, א. תוספתא תענית שם. ירושלמי שקלים (מגילה ותענית) שם.

20) וראה גבורת ארי (תענית שם) שקו״ט איך דחי „יו״ט שלנו" (דרבנן) תענית מדברי קבלה. וראה מג״א סתקנ״ט סקי״א. ועוד.

21) משנה למלך הל׳ כלי המקדש שם. אבל ראה מפרשי הירושלמי שם. ועוד.

22) כמ״ש הרמב״ם — פיה״מ תענית פ״ד מ״ה. הל׳ כלי המקדש שם.

23) ראה תוס׳ פסחים רפ״ד. ירושלמי פסחים שם. הובא ג״כ במפרשי הירושלמי שקלים שם. ועוד.

עצמה [ווארום אין א טאג ווען מ'איז מחוייב צו פאסטן וועט מען דאך ניט מתיר מאכן צו ברענגען דאן אן עולת נדבה סתם און דערמיט דוחה זיין דעם תענית], נאר ווייל דער ענין פון נדבת העצים האט איפגעטאן א קביעות, אז אין דעם טאג איז מען מקריב עולות נדבה, איז עס במילא דוחה דעם תענית.

דארף מען האבן הסברה: מיט וואס איז נדבת עצים אזא ענין גדול, אז צוליב דעם האט מען קובע געווען די ימים טובים פון „זמן עצי כהנים והעם" ביז אז דורכדעם ווערט נדחה דער תענית פון תשעה באב (נדחה)?

ה. נוסף צו דער שמחה וואס איז געווען אין דעם זמן פון נדבת העצים — געפינט מען אן ענין של שמחה אויך אין דעם זמן פון כריתת העצים.

ווי די גמרא[24] זאגט, אז איינער פון די טעמים אויף דער שמחה פון חמשה עשר באב איז, ווייל דאס איז „יום שפסקו מלכרות עצים למערכה", און ווי ס'איז מבואר אין ראשונים[25] איז די שמחה דערפאר וואס „באותו יום היו משלימין (ומסיימין[26]) מצוה גדולה כזאת".

און דוקא דאס איז דער טעם וואס בחמשה עשר באב איז א שמחה גדולה ביותר[27], ביז — ווי די משנה[28] זאגט — „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים". וכמובן פון ביאור המהרש"א[29], אז די צוויי ענינים וואס די משנה ברענגט בשייכות צו דער שמחה ויו"ט — „ביום חתונתו זה מתן תורה וביום שמחת לבו זה בנין בית המקדש" — זיינען פארבונדן מיט די צוויי טעג פון ט"ו באב און יוהכ"פ: מתן תורה מיינט (כפרש"י[30]) „יוהכ"פ שניתנו בו לוחות האחרונות", און ביהמ"ק — „אחמשה עשר באב קאי, שטעמי שמחתו . . תלויים בבנין המקדש" —

וואס די איינציקע זאך מיט וואס ט"ו באב האט א שייכות גלוי' צו (בנין ה)מקדש, איז[31] וואס דאס איז דער „יום שפסקו מלכרות עצים למערכה" שבמקדש[32].

און אויך בנוגע דער שמחה איז ניט פארשטאנדיק: אמת טאקע אז דער ענין פון כריתת עצים למערכה איז א „מצוה גדולה"[33], אבער דאך איז דאס לכאורה נאר א הכשר מצוה, ס'איז בלויז א טפל צום עיקר — די הקרבת הקרבנות ע"ג המזבח[34].

איז ווי קומט עס אז דוקא כריתת עצים איז אזא ענין גדול וכללי, ביז אז

---

24) תענית לא, א.

25) רשב"ם ב"ב קכא, ב. נמוקי"י שם. וראה תויו"ט סוף תענית. וראה לקו"ש חכ"ד ע' 48 ואילך.

26) כ"ה ברשב"ם שבע"י (וכן בנמוקי"י הנ"ל).

27) נוסף לזה שמשמע שזהו הטעם העיקרי (ראה לקו"ש שם ע' 48. 53).

28) שם כו, ב.

29) בחדא"ג תענית שם.

30) במשנה שם. וראה בגמ' שם ל, ב.

31) ואולי גם הא „שביטל הושע כו' שלא יעלו ישראל לרגל" (שם ל, סע"ב. וראה לקו"ש שם הערה 62). אבל אינו דומה לכריתת עצים למערכה המכשיר את עבודת הקרבנות שהיא מטרת הבית (רמב"ם ריש הל' בית הבחירה (אבל ראה שם: וחוגגין אליו ג' פעמים). וראה בארוכה לקו"ש שם ע' 54 ואילך ובהערה 70).

32) ראה גם אוצר בלום לע"י תענית שם (במשנה).

33) ראה לקו"ש שם בארוכה ביאור בגודל המצוה.

34) להעיר ממשנ"ת בלקו"ש שם (ע' 55 והערה 72) שי"ל שאי"ז הכשר לבד. ע"ש. אבל מובן, שלגבי הקרבת הקרבנות ממש ה"ז רק הכשר.

דאָס שאַפט אַ יו״ט וואָס איז גרעסער פון אַלע אַנדערע ימים טובים, בעת אַז ביי די קרבנות עצמם — געפינט מען ניט אַז זיי זאָלן גורם זיין אַ יו״ט ושמחה גדולה?

ו. ויש לומר דעם ביאור אין דעם:

ס'איז ידוע די הסברת הרמב״ן[35] אין דעם ענין פון קרבנות, אַז דער וואָס ברענגט אַ קרבן דאַרף בשעת מעשה באַטראַכטן זיך אַז דאָס וואָס דער קרב וכליות וכרעים פונעם קרבן ווערן פאַר־ברענט און מ'איז זורק דם על המזבח איז ווייל „ראוי לו שישפך דמו וישרף גופו לולא חסד הבורא שלקח ממנו תמורה . . דמו תחת דמו נפש תחת נפש כו׳״.

די כוונה פון אַ קרבן איז, אַז דער מענטש זאָל זיך מקריב זיין צום אויבערשטן; נאָר דער אויבערשטער האָט געטאָן אַ חסד מיטן אדם כי יקריב, און האָט די הקרבה גשמית פאַרביטן אויף הקרבת הבהמה כו׳[36] — אָבער די הקרבה דאַרף אים מעורר זיין אַז ער זאָל זיין נפש מקריב זיין (ברוחניות) צום אויבערשטן.

ועפ״ז יש לבאר דעם רמז אין דעם פרט וואָס יעדער קרבן על המזבח ווערט פאַרברענט צוזאַמען מיט די עצי המערכה:

קרבנות טיילן זיך אין פאַרשידענע סוגים, און יעדער סוג האָט זיינע באַ־זונדערע דינים ווי אַזוי ער ווערט נקרב ע״ג המזבח. וע״פ ביאור הרמב״ן הנ״ל איז פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס וואָס יעדער סוג קרבן האָט זיינע דינים מיוחדים איז ווייל זיי דוקא זיינען מתאים צום תכלית פון דעם קרבן — וואָס דער קרבן דאַרף אויפטאָן אין דעם אדם המקריב, וועלכן „טייל״ פון „זיך״ ער איז מקריב צום אויבערשטן (וואָס דאָס איז בהתאם צו דער סיבה פון דעם קרבן — כפרה אויף אַ חטא, נדבה, וכו׳).

[און ווי ס'איז מוכח אין דעם פירוש הרמב״ן גופא, אַז אויך די כללית'דיקע זאַכן וואָס ער רעכנט אויס — שריפת הקרב כו׳ וזריקת הדם — זיינען ניט ביי אַלע קרבנות; ביי אַ קרבן מנחה, לדוגמא, זיינען די פרטים ניטאָ, אַ מנחה איז ניט פאַרבונדן מיט קרב וכו׳ און דם פון דעם אדם המקריב].

לאידך גיסא אָבער, באַשטייט די התחלה ויסוד פון אַלע קרבנות אין דעם, וואָס דער אדם איז מקריב זיך צום אויבערשטן. ד. ה. צום אַלעם ערשטן מוז ביים אדם זיין די כללית'דיקע גרייט־קייט צו זיך מוסר נפש זיין צום (פאַרן) אויבערשטן, וואָס דאָס איז ניט פאַר־בונדן מיט אַ באַשטימטן חלק (אָדער פרטים) פון מענטשן, נאָר אַ „הקרבה״ פון עצם נפשו, זיין גאַנצן מהות;

נאָר ביי יעדן סוג קרבן ווערט אָט די „הקרבה״ (פון עצם נפשו) „אויסגע־דריקט״ בפועל אין פאַרשידענע פרטים פון דעם מענטשן.

און דאָס איז דער ענין פון די עצי המערכה וואָס ווערן פאַרברענט על המזבח צוזאַמען מיט יעדן קרבן — דאָס איז די „תמורה״ פון דער כללית'דיקער, צד השווה „הקרבה״, פון דעם אדם המקריב צום אויבערשטן וואָס פאָדערט זיך ביי יעדן קרבן.

און דערמיט איז אויך מובן וואָס דאָס איז מרומז אין דעם ענין פון עצים דוקא

35) פרשתנו א, ט.

36) ראה פרש״י וירא כב, יג ד״ה תחת בנו (מב״ר פנ״ו, ט).

— ווייל „האדם עץ השדה"[37], אַן אדם איז עץ השדה, ד.ה. אַן „עץ" דריקט אויס (ניט בלויז אַ געוויסן טייל אָדער פּרטים פון דעם אדם, נאָר) די גאַנצע זאַך פון אדם.

[און ווי ערקלערט בארוכה במ"א[38], אַז דוקא אין „צומח" (עץ) שבאדם זאָגט זיך אַרויס די פּנימיות הנפש, ע"ד ווי אַן עץ וואָס איז שטענדיק מחובר צו זיין שורש ומקור].

און דאָס איז אויך דער טעם (בפנימיות הענינים) וואָס נדבת העצים האָט גורם געווען נאָך אַ גרעסערע שמחה ויו"ט ווי די הקרבת הקרבנות — ווייל דער ענין פון עצי המערכה איז (ניט נאָר וואָס דאָס איז ניט קיין סתם אַ זייטיקער און טפל'דיקער ענין אין אַ קרבן (אַ הכשר לחוד), נאָר אדרבה: דאָס איז) דער כלל און יסוד פון ענין הקרבנות.

ז. איינער פון די חילוקים צווישן דער „הקרבה כללית" פון דעם אדם (וואָס ווערט אויסגעדריקט אין שריפת עצי המערכה) און דער „הקרבה פרטית" (בהתאם צום פרטי הקרבן וואָס דער אדם ברענגט):

בשעת דער אדם איז פאַרנומען מיט דער „הקרבה" פון איין פרטית'דיקן כח (— אַ טייל פון זיין מציאות), קען ער זיך ניט „אויסטאָן" לגמרי פון זיך. זיין ביטול ומסירת נפש איז אָנגעטאָן אין זיין כח פרטי, נוסף ע"ז וואָס עס זיינען דאָך דאָ שאר הכחות —

ובמילא פאַרדעקט דאָס אויף זיין ביטול ומסירת נפש.

בשעת אָבער כי יקריב אַ „הקרבה כללית" — ער גיט זיך אוועק אינגאַנצן צום אויבערשטן — דעמאָלט איז ביי אים ניטאָ וואָס עס זאָל פאַרשטעלן אויף זיים מסירת נפש, וויבאַלד ער שטייט אין אַ ביטול כללי: דאַן איז עס אַ מסירה ונתינה וואָס איז העכער פון חשבונות פון שכל אָדער רגש (אפילו שכל ורגש דקדושה) וכיו"ב[39].

און דאָס איז דער טעם פאַרוואָס די „עצים" (שבכל קרבן) ווערן געבראַכט (ניט אַלס אַ טייל פון עצם הקרבן, נאָר) אַלס אַ (באַזונדערע זאַך אַ) הכשר קרבן

— ועד"ז בנוגע דער שמחה פון זמן עצי כהנים והעם (אין אַן אופן וואָס איז דוחה תשעה באב (נדחה)), וואָס די סיבת השמחה איז [ניט נאָר די הקרבה עצמה פון קרבנות (עולות נדבה), אָדער (כדעת הריטב"א) פון דעם קרבן העצים, וועלכע מ'האָט מקריב געווען אויפן מזבח אַלס קרבן, נאָר די סיבה איז] דוקא די עצם נדבת העצים למערכה (כנ"ל סעיף ד) —

ווייל דער באַווייז אויף מסירת נפש בשלימות, איז די איבערגעגעבנקייט צו מכשירי קרבן (מצוה)[40]:

ווען אַ איד ברענגט אַ קרבן אויפן מזבח — אפילו אַזאַ קרבן וואָס ווערט אינגאַנצן[41] פאַרברענט (עולה) און זיין מציאות ווערט בטל — קען דער מקריב

37) שופטים כ, יט. וראה תענית ז, א.

38) ראה בארוכה לקו"ש שם ע' 116 ואילך.

39) ראה סה"מ תרנ"ט ע' כג ואילך. לקו"ש ח"כ ע' 176 ואילך. ועוד.

40) ראה גם לקו"ש חי"ז ע' 384 ואילך.

41) ולהעיר שגם בעולה (משא"כ בפרים הנשרפים וכו') נשאר העור וניתן לכהן (צו ז, ח. זבחים קג, ב), משא"כ אפר העצים וכו' — דאפר הוא מציאות אחרת חדשה (ראה תוד"ה אין (פסחים כט, סע"א). חי' הרשב"א לקידושין (נו, ב). ועיין אגה"ק סט"ו).

טראַכטן, אַז כאָטש דאָ למטה איז זיין מציאות בטל, האָט ער אָבער אויפ־געטאָן, אַז עס ווערט דערפון „ריח ניחוח לה׳ — נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני״[42].

משא״כ די עצי המערכה, וואָס ביי זיי געפינט מען ניט אַז דורך זייער שריפה וכליון אויפן מזבח ווערט אויפגעטאָן „ריח ניחוח לה׳״, וביחד עם זה איז זייער שריפה באופן אַז זיי ווערן אינגאַנצן אויס מציאות, איז דערביי ניטאָ דער הרגש עצמו, אַ „דערהער״ אַז זיי טוען אויף ריח ניחוח להוי׳;

זייער פעולה איז — וואָס זיי האָבן מכשיר געווען אַז אַ צווייטע זאַך (דער קרבן) זאָל אויפטאָן אַ „נחת רוח לפני״.

[און ווי דאָס קומט אויך צום אויס־דרוק אין נדבת העצים, אַז דער אויפטו פון מנדב זיין די עצים איז באַשטאַנען אין דערמעגלעכן אַז אַ צווייטער איד זאָל קענען ברענגען אַ קרבן און גורם זיין „נחת רוח לפני״].

און די גרייטקייט זיך אָוועקגעבן פאַר אַזאַ ענין איז דער באַווייז אויף דעם ביטול ומסירת נפש בשלימות — קרבן לה׳.

ח. אָבער לאחרי כ״ז, איז אפילו דער ענין פון נדבת העצים נאָך ניט דער שלימות׳דיקער באַווייז אויף דעם שלימות׳דיקן אָוועקלייג צום אויי־בערשטן.

ווייל אע״פ אַז ער האָט ניט קיין געפיל אַז ער האָט אויפגעטאָן — האָט ער אָבער דאָך אַ הרגש של סיפוק נפשי — דערפון וואָס די עצים זיינען גע־וואָרן קודש און דורך דעם קען מען דעם קרבן מקריב זיין אויפן מזבח.

דער העכסטער אופן פון אדם כי יקריב להוי׳ אָן קיין שום אַריינמישונג פון אייגענע געפילן, קומט צום אויס־דרוק אין דעם ענין פון כריתת העצים למערכה — ווען מ׳שניידט עצים אין וואַלד, איידער מ׳האָט זיי מקדיש גע־ווען און געבראַכט צום גזבר.

און ווי דאָס איז מודגש במיוחד ביי די משפחות וועלכע האָבן געבראַכט עצים נאָך חמשה עשר באב [בעשרים באב בני פחת מואב בן יהודה בעשרים באלול כו׳[43]] — וואָרום, פון איין זייט, האָבן זיי די עצים געמוזט שניידן ניט שפעטער ווי חמשה עשר באב (ווייל דערנאָך זיינען זיי פסול למערכה[24]), אָבער לאידך גיסא האָבן זיי ניט געקענט גלייך ברענגען און מקדיש זיין די עצים, ווייל דעמאָלט וואָלטן זיי שוין דאַמאָלס באַ־לאַנגט צו הקדש וכל היכא דאיתא בי גזא דרחמנא איתא[44], אַזוי אַז בעשרים באב וכו׳ וואָלטן די עצים ניט געווען זייערע צו מנדב זיין און ברענגען אין דעם טאָג.

קומט אויס, אַז די אַלע טעג צווישן דער כריתת העצים און נדבת העצים זיינען די עצים ביי זיי געווען עצי חולין.

און דערמיט איז מובן, אַז אין דער פעולת ההכנה פון כריתת העצים[45], אין וועלכער עס זעט זיך ניט אָן קדו־שה, איז דאָ דער פולער אָוועקלייג צום אויבערשטן אין אַן אופן פון ביטול במציאות לגמרי, וואו מען טראַכט אינ־גאַנצן ניט וועגן זיך און וועגן „וואָס איך האָב אויפגעטאָן״, נאָר בלויז טאָן פאַרן אויבערשטנ׳ס וועגן.

---

42) פרשתנו שם ובפרש״י.

43) משנה תענית כו, סע״א.

44) ר״ה ו, א. חולין קלט, א.

45) להעיר מל׳ הידוע (לקו״ת שלח (מ, א). וראה מו״נ ח״ג פנ״א בהערה) אילו נצטווה לחטוב עצים.

און דערפאַר — דער גודל ההפלאה פון חמשה עשר באב, ביז אַז „לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיוה״כ״ — די שמחה פון חמשה עשר באב איז בדוגמא צו יוהכ״פ, „אחת בשנה״[46], ווען עס ווערט נתגלה ביי יעדן אידן זיין „אחת״ שבנפש, בחי׳ יחידה[47]. ווייל דאָס וואָס אַ איד איז בשמחה דערפון וואָס ער איז כורת עצים למערכה (און זיי בלייבן ברשותו אַלס עצי חול) נעמט זיך פון בחי׳ יחידה, וואָס כל ענינה איז „יחידה לייחדך״[48].

ט. עפ״ז קען מען אויך מבאר זיין דעם קשר פון דעם תיאור השמחה (שבסוף מס׳ תענית) צום תוכן היום פון חמשה עשר באב:

די משנה[28] זאָגט אַז (בט״ו באב ויוהכ״פ) „בנות ירושלים יוצאות וחולות בכרמים ומה היו אומרות בחור שא נא עיניך כו׳״, און די ברייתא[49] איז אין דעם מפרט, אַז עס זיינען געווען דריי סוגים אין די בנות ישראל: „יפיפיות שבהן מה היו אומרות תנו עיניכם ליופי שאין האשה[50] אלא ליופי; מיוחסות שבהן מה היו אומרות תנו עיניכם למשפחה לפי שאין האשה[50] אלא לבנים; מכוערות שבהם מה היו אומרות קחו מקחכם לשם[51] שמים״.

ויש לומר אַז די דריי סוגים זיינען בהתאם צו די דריי אופנים הנ״ל אין די „עצים״.

עס זיינען פאַראַן עצים וואָס זיי גופא ווערן אַ קרבן (בפ״ע) אויפן מזבח. ובהתאם לזה איז דער ערשטער סוג בנות — די „יפיפיות״, וואָס יופי[52] איז אַ מעלה אין דעם אדם גופא;

דערנאָך זיינען פאַראַן די עצי המערכה, ווי מ׳איז זיי מנדב און מען ברענגט זיי אין לשכה (זמן עצי הכהנים והעם) — און דוגמתם זיינען די „מיוחסות״, וואָס די מעלה פון יחוס איז נוגע (בעיקר) צו די בנים — „אין האשה אלא לבנים״, און ווי רש״י איז מבאר: „אם בניך יהיו מיוחסין הכל קופצין עליהם כו׳״ (בדוגמת עצי המערכה וועלכע זיינען מכשיר אַ צווייטנ׳ס קרבן).

און — כריתת עצים למערכה, ווען זיי זיינען חול און עס זעט זיך ניט קיין שייכות צו קודש — איז בדוגמת די „מכוערות שבהם״, וועלכע האָבן ניט קיין מעלות (גלויות);

אָבער לאידך, ווערט דוקא ביי די „מכוערות״ דערהערט די מעלה פון „קחו מקחכם לשם שמים״ — ניט פאַר זיך, נאָר בלויז פאַרן אויבערשטנ׳ס וועגן (בדוגמא ווי געערעדט פריער, אַז דוקא אין דער כריתת עצים למערכה דריקט זיך אויס דער אָוועקלייג צו טאָן „לשם שמים״ אָן קיין הרגש עצמו).

יו״ד. און דאָס איז די הוראה בעבודת כל אחד ואחד:

עס זיינען פאַראַן אַזוינע וואָס מיינען, אַז דער ענין פון שמחה בעבודת ה׳ איז דוקא ווען ער „קערט איבער אַ וועלט״ — געלערנט כל התורה כולה וכו׳.

---

46) ס״פ תצוה. אחרי טז, לד.

47) ראה תוד״ה עד אחת — מנחות יח, א.

48) הושענות דיום שלישי.

49) בסיום המס׳. — השינוים בין לשון המשנה ולשון הברייתא נתבארו בארוכה בלקו״ש חי״ט ע׳ 80 ואילך. וראה גם לקו״ש ח״ט ע׳ 261 ואילך.

50) כ״ה בגמ׳ לפנינו. ובע״י (ודק״ס): אשה. וכ״ה בכתובות נט, ב.

51) כ״ה הגירסא בע״י. ובגמ׳ לפנינו: לשום.

52) היינו מצות כמפורש בשהש״ר (פ״ז, ז): מה יפית במצות.

בשעת אָבער ער טוט אויף אין העלפן אַ צווייטן איד'ן אַז יענער זאָל קענען נתקרב ווערן צום אויבערשטן, איז „לשמחה — ובפרט שמחה גדולה — מה זו עושה"[53] —

איז די הוראה: אמת טאַקע, אַז אויב מ'האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו טאָן מער פאַר דער אייגענער שלימות און מ'האָט ניט געטאָן, קומט דערפאַר אַן עונש כו',

53) ע"פ קהלת ב, ב.

אָבער לאידך גיסא, איז אין עבירה מכבה מצוה[54]. און וועגן דער מצוה — פון העלפן אַ צווייטן אידן צו יקריב מכם קרבן לה' — זאָגט תורה, אַז זי ברענגט צו דער גרעסטער שמחה פון אַלע שמחות: לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים.

(משיחות כ"ף מנחם אב תשכ"ה, תשל"ב)

54) עיין סוטה כא, א ובפרש"י שם ד"ה מצוה וד"ה בעידנא.

# צו

א. וועגן דעם אש המערכה, וואס איז געווען אויפן מזבח אין א ציור „רבוצה כארי"[1], שטייט אין זהר (פון היינטיקער סדרה[2]), אז דאס איז דער מלאך אוריא"ל, וואס באווייזט זיך אין דעם ציור, און דערביי זאגט דער זהר צוויי לשונות: פריער שטייט אז „אתחזי . . כחיזו דחד אריא תקיפא רביע על טרפי"; און דערנאך — „ואתחזי כארי' רברבא רביע על קרבנא".

שטעלט זיך דער טאטע[3] אויף די שינויי הלשונות [(א) פריער שטייט „ארי' תקיפא", ובפעם השני' — „ארי' רברבא"; (ב) פריער שטייט „רביע על טרפי", און דערנאך — „רביע על קרבנא"], און ער איז מבאר, אז אין ארי' שבמרכבה העליונה זיינען דא צוויי ענינים — חסד וגבורה, ווארום ארי' איז בגימטריא גבורה, אבער, לאידך גיסא, שטייט דאך „פני ארי' אל הימין"[4].

און דאס איז דער ביאור חילוקי הלשונות:

פריער רעדט דער זהר וועגן דעם ענין הגבורה שבארי', און דערפאר זאגט ער „ארי' תקיפא רביע על טרפי" — „תקיפא" (תוקף וחוזק) ווייזט אויף גבורה, און אזוי אויך „טרפי" — טורף קומט דאך מצד הגבורה.

דערנאך רעדט זיך וועגן דעם ענין החסד שבארי', און דערפאר זאגט ער „כארי' רברבא רביע על קרבנא" — „רברבא" („גדול") ווייזט אויף חסד [כמ"ש[5] לך הוי' הגדולה והגבורה גו'], און אויך „קרבנא" מלשון קירוב קומט מצד החסד, ימין, כמרז"ל[6] ימין מקרבת.

ב. ווי גערעדט כמה פעמים, זיינען די הערות פון טאטן געשריבן געווארן בקיצור, און די ענינים וואס דער לומד ומעיין קען זיך אליין כאפן אויף זיי, איז ער ניט מבאר.

לערנענדיק די הערה הנ"ל, ווערט א שאלה בלשון הזהר: וויבאלד אז אן ארי', דער זעלבער ארי' האט אין זיךביידע ענינים, סיי חסד און סיי גבורה — פאר־וואס צוטיילט עס דער זהר אין צוויי פאלן („ארי' תקיפא רביע על טרפי" און „ארי' רברבא רביע על קרבנא"), און זאגט ניט ביידע זאכן צוזאמען „ארי' תקיפא ורברבא רביע על טרפי' על קרבנא" (וכיו"ב),

ווארום אע"פ אז חסד און גבורה זיינען צוויי באזונדערע (און הפכית־דיקע) ענינים — זאגט דאך אבער דער טאטע אין דער הערה, אז דאס וואס אן ארי' האט סיי חסד און סיי גבורה זיינען עס ניט קיין צוויי באזונדערע פאלן, נאר ס'איז „כמו אור הגבורה בכלי החסד"[7]. וואס דערפאר זיינען ביידע פארבונדן מיט כללות ענין הארי': די גימטריא פון ארי' איז גבורה (און אויך בפשטות איז דאך גבורה פון די תכונות הארי,

1) יומא כא, ב.

2) לב, ב. וראה הנסמן בניצוצי זהר שם.

3) לקוטי לוי"צ לזהר על אתר (ע' ריג).

4) יחזקאל א, י.

5) דה"א כט, יא.

6) סוטה מז, א. סנהדרין קז, ב.

7) ראה גם אוה"ת ר"ה (ריש ע' א'תכח): כלול מחו"ג. ושם לפנ"ז (ע' א'תכו): אור הגבורה בכלי החסד כו' וכך הוא ארי' כו'. ע"ש. וראה גם אוה"ת ויקהל ע' ב'קמז.